# פרשת חיי שרה י"ח - כ"ד חשון תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת חיי שרה***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ח סעיף י"ג) בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז געוועז די תפלה וואס אברהם אבינו האט מתפלל געוועז אויף סדום. דער אייבערשטער האט געזאגט, המכסה אני מאברהם את אשר אני עושה, איך קען נישט פארהוילען פון אברהם וואס איך גיי טון, אברהם וועט זיין א גוי גדול ועצום, און ער איז מצווה זיינע קינדער, ושמרו דרך ה', למען הביא ה' על אברהם, את אשר דבר עליו (בראשית יח-יז). טייטשט רש"י, אז ווען ער זאגט פאר די קינדער אז זיי זאלן דינען דעם אייבערשטען, זאגט ער, עטץ דארפטס זיך אויפפירן ווי עס דארף צו זיין, כדי אז דער אייבערשטער זאל קענען ברענגען אויף אברהם, די אלע גוטס וואס ער האט אים צוגעזאגט. לכאורה איז עס אזוי ווי על מנת לקבל פרס, ער טוט עס וועגן דעם, למען הביא ה' על אברהם את אשר דבר עליו.

**עס** קען זיין אז דער פשט דערפון איז. תפלות אבות תקנום (ברכות כו:), די דריי תפלות וואס מיר דאווענען יעדן טאג, האבן די אבות מתקן געוועז. אברהם האט מתקן געוועז שחרית, יצחק מנחה, און יעקב מעריב. עס שטייט פונעם **בני יששכר** (בספרו **מגיד תעלומה** ברכות שם), אז וועגן דעם הייסט דאווענען, מיטן נאמען 'דאווענען', ווייל עס איז א לשון 'דאבונן', עס שטאמט פון אונזערע אבות, זיי האבן מתקן געוועז די תפלה. וואו זעהען מיר אז אברהם אבינו האט מתקן געוועז שחרית, די וואך אין די פרשה, עס שטייט ביי סדום (בראשית יט-כז) וישכם אברהם בבוקר, ער איז אויפגעשטאנען צופרי, און ער האט זיך געשטעלט אל המקום אשר עמד שם את פני ה', אויף דעם פלאץ וואו ער האט שוין געדאווענט פריער פארן אייבערשטען, דאס איז דער תפלת שחרית וואס ער האט מתקן געוועז. לכאורה דארף עס האבען א ביאור. די תפלה וואס ער האט דעמאלטס מתפלל געוועז, איז נישט אנגענומען געווארן אויבן אין הימל. עס שטייט אין די ראשונים, אז ער האט מתפלל געוועז צוויי תפלות. ער האט מתפלל געוועז קודם, אויב עס וועט זיין צוואנציג צדיקים, צו צעהן צדיקים, דאס איז אנגענומען געווארן. נאכדעם וישכם אברהם בבוקר, און ער האט ווייטער מתפלל געוועז, זאגט דער **ספורנו**, יעצט האט ער געבעטן רחמים, אפילו עס קומט זיך זיי נישט, זאל דער אייבערשטער מציל זיין סדום, און די תפלה איז נישט אנגענומען געווארן. ווי אזוי קען זיין, אז גאנץ תפלת שחרית ווערט אויפגעבויט פון א תפלה וואס אברהם אבינו האט מתפלל געוועז, און למעשה איז עס נישט געווארן אנגענומען. עס וואלט געדארפט צו זיין, אז די שורש פון תפלות זאל זיין א תפלה וואס איז אנגענומען געווארן. אבער נישט אז א תפלה וואס איז נישט אנגענומען געווארן, דאס האט אברהם אבינו אראפגעשטעלט, אז דאס זאל זיין די תפלת שחרית וואס מען דאווענט יעדן טאג.

**תפלה** ווערט אנגערופן א עבודה. ולעבדו בכל לבבכם (דברים יא-יג), דרשנ'ט די גמרא (תענית ב.), איזהו עבודה שבלב, הוי אומר זו תפלה. פארוואס איז תפלה א עבודה. ווען א מענטש בעהט פון יענעם א טובה, ער איז אין א עת צרה, און יענער קען אים העלפן, און ער בעהט אים, העלף מיר, ווערט עס אנגערופן א עבודה?! עס ווערט אנגערופן א בקשה. א מענטש האט א חולה אין שטוב, און ער בעהט פונעם אייבערשטען אז דער באשעפער זאל אים היילען. ער דארף פרנסה, און ער בעהט פונעם אייבערשטען, דאס איז אן עבודה? עס איז א בקשה. פארוואס רופט מען אן תפלה, ולעבדו בכל לבבכם, אז מען דינט דעם אייבערשטען מיטן גאנצן הארץ. רש"י זאגט, אז תפלה דארף זיין מיט כוונה. אבער ווי קומט אהער די גאנצע 'עבודה', וואס האט עס א שייכות מיט תפלה.

**דער** אמת איז אבער, אז תפלה איז אנדערש פון וואס אונז קוק מיר עס אן. בדרך כלל קוקט מען אן, א מענטש האט א פראבלעם, און ער דארף אז דער מעסעדז"ש זאל אנקומען צום אייבערשטען, מוז ער מתפלל זיין, דאווענט ער, און די תפלה איז א הכשר אז ער זאל קענען צוקומען צו די ישועה וואס ער דארף האבן. לו יהא ער וואלט זיך געקענט א

אנדערע עצה געבן, ער זאל נישט דארפן צוקומען צום אייבערשטען מיט די תפלה, וואלט ער נישט געדארפט דאווענען. לו יהא ער ווייסט אז די תפלה וועט ממילא נישט ווערן אנגענומען, איז נישט דא קיין ענין פון תפלה. תפלה איז א בקשה. עס איז אבער נישט אזוי. תפלה וואס א יוד דאווענט איז, כדי ער זאל משים לב זיין, אז אלעס וואס פאסירט אויף די וועלט, קומט פונעם אייבערשטען. אז ער געפונט זיך אין א מצב וואס ער דארף עפעס האבן, דארף ער וויסן אז עס איז נישט אז עס האט זיך פון זיך אליין געמאכט, און עס איז פון זיך אליין אזוי געשעהן, עס איז א מקרה, און מען דארף זיך ארויסזעהן דערפון. תפלה איז דער טייטש, אז א מענטש איז מכיר, ווען ער שטעלט זיך דאווענען ווייסט ער אז אויף אלעם איז דא א השגחה עליונה, וואס עס גייט אדורך אויף מיר, איז אלעס געקומען פונעם אייבערשטען. דער באשעפער האט עס געבערענגט, און דער באשעפער איז דער וואס קען עס אוועקנעמען פון אים. און ער איז מתפלל צום אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל אים העלפן. די תפלה איז בעצם אז א מענטש זאל ארייננעמען אין זיך, אז די וועלט איז נישט קיין טבעיות, און וויסן אז אלעס קומט פונעם אייבערשטען, דאס געשעהנט בשעת א יוד דאווענט צום באשעפער.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז תפלה איז פונעם לשון נפתולי אלקים נפתלתי (בראשית ל-ח), עס איז א צוגעבינדענקייט, א התחברות. דאס אז ער זאל וויסן, אז אלעס וואס פאסירט מיט אים איז פונעם אייבערשטען, דאס געשעהנט בשעת די תפלה. וועגן דעם ווערט תפלה אנגערופן א עבודה, ווייל ארייננצונעמען אין זיך אז אלעס איז פונעם אייבערשטען, און ער זאל נישט נשפע ווערן פונעם טבעיות פון די וועלט, און טראכטען אז עס איז א מקרה, און כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה, דאס געשעהנט ווען א יוד דאווענט ערליך. ער ווייסט אז אלעס קומט פונעם רבונו של עולם, און אלעס וואס איך דארף האבן, דארף איך ביי אים בעטן. דאס איז די עבודה פון תפלה.

**נאר** ווען ער איז מכיר אז אלעס קומט פונעם אייבערשטען, דעמאלטס אז ער האט נאכדעם א צרה, בעהט ער פונעם אייבערשטען. ווייל דו האסט דאך מכיר געווען ווער עס גיט דיר דאס, איז ממילא אז דו באקומסט עס פונעם באשעפער, דארפסטו מתפלל זיין צום אייבערשטען. בעהט ער די תפלה מיט א טיפערן הארץ, ווייל ער ווייסט אז עס קומט פונעם אייבערשטען.

**קומט** אויס, אז די תפלה, די דביקות וואס איז דא צום באשעפער דורך תפלה, איז פאר זיך אליין א ענין. נאר, אז ער ווערט געהאלפן נאך די תפלה, האט ער באקומען א באנו"ס אויך, אז ער איז געהאלפן געווארן פון די תפלה וואס ער האט מתפלל געווען. אבער אפילו ער האט נישט דעם באנו"ס, ער איז נישט געהאלפן געווארן, אבער א תפלה וואס ער איז געזעסן א שעה, און ער איז געווען מיוחד מיטן אייבערשטען, דאס איז געווען די עבודה פון די תפלה.

**צו** א מענטש ווערט נענה אויף די תפלה, צו נישט, דאס איז שוין תלוי אין די הענט פונעם אייבערשטען. ווייסט דען א מענטש וואס איז גוט פאר אים?! לאמיר אנכאפן א משל, ער בעהט אז דער אייבערשטער זאל אים געבן עשירות, ווייל עשירות איז גוט פאר א מענטש. וויפיל מאל האט זיך אויסגעלאזט אז עשירות איז נישט גוט פאר א מענטש. עושר שמור לבעליו לרעתו (קהלת ה-יב), וויפיל שטובער זענען שוין צוגרונט געגאנגען ווייל די קינדער האבן זיך געבאדן אין געלט וכדומה, שמנת עבית כשית ויטוש אלו-ה עשהו (דברים לב-טו). און אפילו אויף זיך אליין זאגט די תורה (שם ח-יז) כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה. עס איז נאר א משל, און אויב דער אייבערשטער זעהט אז עס וועט נישט ארויסקומען פון די תפלה וואס דו בעטסט, א טובה פאר דיר, איז די טובה אז דער אייבערשטער זאל דיר עס נישט געבן.

**עס** שטייט אין פסוק ביי שלמה המלך (מלכים א ח-לט), אז ווען ער האט אויפגעבויט דעם בית המקדש האט ער געבעטען אז ווער עס קומט צום אייבערשטען, זאל דער אייבערשטער אננעמען די תפלה, און דו זאלסט אים טון ככל דרכיו אשר תדע את לבבו, לויט דעם מענטש וואס דו קענסט זיין הארץ. נאכדעם האט ער מתפלל געווען, אז ווען עס וועט קומען א גוי און ער וועט בעטן, געב אים וואס ער וועט בעטן (שם ח-מג). זאגט רש"י, ווייל א גוי אז מען גיט אים נישט וואס ער בעט, איז ער קורא תגר. אבער אויף א

יוד האט ער נישט געבעטן אז דער אייבערשטער זאל אים געבן וואס ער בעהט, נאר לויט ווי דו פארשטייסט אז עס איז גוט פאר אים, זאלסטו אים געבן, ה' הטוב בעיניו יעשה. צו דער אייבערשטער ענטפערט די תפלה צו נישט, נישט דאס איז נוגע ביי די תפלה. תפלה איז דאווענען, וויסן אז אלעס קומט פונעם אייבערשטען.

**און** דאס האט אברהם אבינו מתקן געווען ביי תפלת שחרית, ווייזען אז אפילו בעצם ווערט די תפלה נישט אנגענומען, זאלסטו נישט זאגן אז די תפלה איז גארנישט. איך בין מתקן א תפלה, צו די תפלה ווערט יא אנגענומען, צו נישט אנגענומען, דו דארפסט בעטן פונעם אייבערשטען אז סדום זאל נישט חרוב ווערן. אויב דער אייבערשטער זעהט אז עס איז גוט, וועט ער עס טון, און אויב ער וועט זעהן אז עס איז נישט גוט אז סדום זאל בלייבען, איז גוט אז עס זאל חרוב ווערן. די תפלה וואס מיר זענען מתפלל איז נישט אז עס מוז געשעהן וואס איך בעהט. תפלה איז, אז איך זאל וויסן אז עס קומט פונעם אייבערשטען, און אז איך ווייס אז עס קומט פונעם אייבערשטען, איז ממה נפשך בין איך צופרידן. העלפט דיר דער אייבערשטער, איז א סימן אז דאס איז גוט, און אז דער אייבערשטער העלפט דיר נישט אין די זאך, איז א סימן אז דאס איז מיין טובה. איז ממילא די תפלה וואס אברהם אבינו האט מתקן געווען, האט ער מתקן געווען א תפלה וואס איז נישט נענה געווארן.

*

**עס** קען אבער זיין אז די תפלה איז אויך נענה געווארן. די גמרא (בבא קמא צב.) זאגט דאך, אז ווען איינער איז מבקש רחמים בעד חבירו, והוא צריך לאותו דבר, הוא נענה תחלה. ווען איינער בעהט פאר יענעם, און ער דארף האבן די זעלבע זאך, טוט אים דער אייבערשטער קודם ענטפערן אויף דעם וואס איז נוגע פאר אים. עס קען אמאל אויסקומען אז א מענטש בעהט פאר זיין חבר, און דעם חבר'ס תפלה איז נישט נענה געווארן, אבער ער האט געהאט דעם פראבלעם ביי זיך, און זיין תפלה איז דאך נענה תחלה, ווערט ער געענטפערט אפילו אן דעם וואס יענעמס תפלה איז אנגענומען געווארן. ווייל דאס וואס דו ביסט מתפלל בעד חבירו, דו בעטסט פארן צווייטען, ליגט אין דעם א תפלה פאר דיר אויך, און עס איז פאר יענעם אויך, און דיין תפלה ווערט נענה קודם.

**אפילו** אברהם אבינו האט מתפלל געווען אויף סדום, און פאר סדום איז נישט נענה געווארן די תפלה, אבער די תפלה איז נענה געווארן פאר אברהם אבינו, פאר זיינע קינדער, פאר זיינע דורות, עס איז דאך הוא נענה תחלה, ער איז קודם נענה געווארן. אז אברהם אבינו איז היו יהיה לגוי גדול ועצום, ער וועט זיין א גוי גדול ועצום, און ער דארף האבן דעם כח אז אפילו מען איז נישט ראוי, זאל דער אייבערשטער העלפן, האט אברהם אבינו מתפלל געווען אויף סדום, אז דער אייבערשטער זאל העלפן אפילו זיי זענען נישט ראוי. עס האט טאקע נישט געהאלפן פאר סדום, אבער הוא נענה תחלה, עס וועט העלפן פאר זיינע דורות.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט, וועגן דעם פארצייל איך פאר אברהם אבינו וואס עס גייט פאסירן, המכסה אני מאברהם את אשר אני עושה, איך וויל אברהם אבינו זאל מתפלל זיין. איי איך ווייס דאך דעם אמת אז די תפלה וועט נישט נוצן, אבער ואברהם היו יהיה לגוי גדול ועצום, ער גייט דאך ווערן א גוי גדול ועצום, און ער וועט דאך דארפן האבן די כח פון תפלה פאר זיינע דורות. 'למען', עס איז א נתינת טעם, פארוואס האב איך מגלה געווען פאר אברהם אבינו, איך האב אים מגלה געווען כדי ער זאל מתפלל זיין, 'למען הביא ה' על אברהם', אז דער אייבערשטער זאל קענן ברענגען אויף אברהם, 'את אשר דבר', וואס אברהם אבינו רעדט אויף סדום, 'עליו', זאל קענען קומען אויף אים. די תכלית איז נישט געווען פאר סדום, די תכלית פארוואס דער אייבערשטער האט אים מודיע געווען אז ער זאל מתפלל זיין איז, ווייל אז מען בעהט פאר יענעם, העלפט דער אייבערשטער פאר זיך. מען קען אמאל בעטן פאר א חולה, און פאר דעם חולה האט עס נישט געהאלפן, אבער זיין חולה קען געזונט ווערן, ווייל המתפלל בעד חבירו הוא נענה תחלה, ווערט ער נענה קודם, און דאס לערנט מען אראפ פון די תפלה פון אברהם אבינו.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **אברהם ראזענפעלד** הי"ו (חתן הר"ר שלמה

צבי שפיטץ הי"ו), עב"ג בן הר"ר **יואל מארקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם אונסדארף. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **אברהם הערש אייגנער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שלום יוסף האניג** הי"ו, שהתקיים באולם כרם מנחם. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת חיי שרה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **יואל פיליפ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חיים בויער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא. אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **חיים הערש וועכטער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יואל מרדכי בערקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת ש"ב **הרה"ג רבי פרץ טובי' דייטש שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד חוג חתם סופר פ"ת שליט"א), עב"ג בן **הרה"ג רבי יואל ישראל אלטר גרינבוים שליט"א** (בן הגה"צ רבי שמעי' גרינבוים שליט"א בעמח"ס סייעתא דשמיא), שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת חיי שרה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

***יום רביעי פרשת חיי שרה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יואל צבי טענענבוים** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת שלשים של הר"ר **יהושע פנחס שווארץ** ע"ה, שהתקיים בבית המדרש ע"י אולם פרענקל, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים, שני חיי שרה (בראשית כג-א), כולן שוין לטובה. רש"י שטעלט זיך שוין, פארוואס עס שטייט שנה עקסטער. און רש"י זאגט, ווייל בת ק' כבת כ', און בת כ' כבת ז'. - ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכתה (כג-ב), אברהם איז געקומען מספיד זיין שרה, און איר באוויינען. אין **בעל הטורים** שטייט, אז אויף ולבכתה איז דא א קליינע כ'. ער זאגט כדרכו וואס דער טעם דערפון איז, פארוואס עס שטייט א קליינע כ'. - שני חיי שרה, זאגט רש"י כולן שוין לטובה, אלע אירע יארן זענען געווען אייניג לטובה. ווי רש"י איז מסביר, בת ק' איז זי געווען כבת כ', אזוי ווי בת כ' איז זי געווען אן א חטא, אזוי איז זי געווען בת ק' בלי חטא. און בת כ' כבת ז', ליופי.

**אין** די מפרשים שטייט נאך א צושטעל צו דעם בת ק' כבת כ'. יעדער מענטש האט פארשידענע זמנים אין זיין לעבן. די יונגע יארן, די מיטעלע יארן, און די עלטערע יארן. יעדע מצב פון א מענטש האט מעלות און חסרונות. די יונגע יארן האבן אין זיך מעלות צו עבודת ה', מען איז יונג, מען האט כח, מען האט ווילן, און אז מען וויל טון א זאך, האט מען די מעגליכקייט עס אדורכצופירן. אבער מען איז דאך יונג, עס פעלט די ריכטיגע דעת, די ריכטיגע שכל, ווי אזוי צו דינען דעם אייבערשטען. ווען מען קומט אויף די עלטער, איז פארקערט, תלמידי חכמים כל זמן שמזקינין, דעתן מתוספות עליהן (קנים ג-ו), דער קאפ טראכט שוין אנדערש, מען פירט זיך שוין אויף אנדערש, די

תאוות הגוף האבן נאכגעלאזט. פון די אנדערע זייט, מען פארלירט די כוחות אין עבודת ה'. עס איז שוין נישט דא די ברען און די התלהבות וואס מען האט אין די יוגענט. די שלימות פון א ערליכען יוד איז, אז אין די יוגענט האט ער שוין דעם דעת, וואס מען דארף האבן שפעטער. וועגן דעם ווערט ער אנגערופן א זקן, אפילו ער איז נאכנישט אלט, ווייל זה קנה חכמה (קידושין לב:). ווען מען איז קנה חכמה, האט מען אין זיך די מעלות פון א זקן. און אפילו ווען ער ווערט עלטער, לאזט ער נישט נאך, ער פירט זיך ווייטער מיט די זעלבע שטארקייט אין עבודת ה', אזוי ווי ער האט זיך געפירט אין די יוגענט.

**און** דאס איז די חילוק צווישן בת כ' און בת ק'. בת כ' איז מען יונג, און מען האט די כוחות צו דינען דעם אייבערשטען. און בת ק' האט מען שוין די השגות, אבער עס איז שוין נישט דא די כוחות. שרה אמנו איז געווען בת ק' כבת כ', ווען זי איז געווען ביי די הונדערט האט זי געהאט די זעלבע שאיפות און די זעלבע התלהבות אזוי ווי זי האט געדינט דעם אייבערשטען אין די יוגענט, עס האט זיך נישט נאכגעלאזט ביי איר. די זעלבע איז געווען פארקערט, בת כ' איז געווען כבת ק', אין די יוגענט האט זי געהאט די מעלות וואס מען האט אויף די עלטער. - שני חיי שרה, כולן שוין לטובה, אלע יארן זענען געווען ביי איר שוין לטובה. בדרך כלל ביי א מענטש איז נישט אלע יארן שוין. די יונגע יארן האט זיך זיינע מעלות, און די עלטערע יארן האבן אנדערע מעלות. אבער ביי איר איז געווען כולן שוין לטובה, אין די יוגענט האט זי געהאט דעם בת ק', און בת ק' האט זי געהאט די זעלבע כוחות ווי א בת כ'.

**דאס** אז אויף די עלטער דינט מען דעם אייבערשטען, דאס איז ביי יעדע אלטע יודענע, און יעדע אלטע יוד דינט דעם אייבערשטען ווען ער איז אלט, אזוי ווי ווען ער איז אויף די עלטער. אברהם האט אבער באוויינט די כוחות פון בת כ' וואס זי האט געהאט אויף די עלטער, כאטש זי איז געווען א בת ק', האט זי נאך געהאט די כוחות פון א בת כ', צו דינען דעם אייבערשטען מיט א התלהבות, מיט א ברען, וואס מען האט אין די יוגענט. די חלק איז נישט דא ביי אנדערע וואס שטארבן אין די יארן, אז די עלטערע יארן זאלן זיין אזוי ווי מען האט אין די יונגע יארן.

**ויבא** אברהם לספוד לשרה ולבכותה, ווען אברהם איז געקומען מספיד זיין שרה און איר באוויינען, האט ער באוויינט דעם קליינעם כ', ער האט באוויינט אז דער חלק פונעם כ', וואס געוועינליך האט עס נישט א מענטש אויף די עלטער, און זי האט עס יא געהאט, דעם חלק איז ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכותה. ווייל דאס איז א ערליכער יוד. א ערליכער יוד איז שטענדיג פון די ימי הנעורים ביז די ימי זקנה, דינט ער דעם אייבערשטען מיט זיינע השגות ווי אזוי ער קען דינען דעם אייבערשטען. און מיט די זעלבע כוחות, און די זעלבע חשק, און די שאיפות וואס מען האט אין די יונגע יארן, האלט ער דאס אן שפעטער.

**עס** שטייט אין די מפרשים, אז ביי די עקידה זאגט מען, אז אברהם אבינו איז געגאנגען צו די עקידה מיט יצחק, ויקח את שני נעריו אתו (בראשית כב-ג), ער האט מיטגענומען זיינע צווי נערים, ישמעאל מיט אליעזר, האט ער מיטגענומען מיט זיך צוזאמען. עס שטייט פון איינע פון די צדיקים, האט ער געזאגט, אברהם אבינו האט געהאט א געוואלדיגע התלהבות מיט די כוחות וואס א מענטש האט אין די יוגענט, אז ער זאל יעצט קענען טון אזא זאך, און גיין ברענגען זיין קינד אויף די עקידה. 'ויקח', אברהם אבינו האט גענומען, 'את שני נעריו', זיינע יונגע יארן, 'אתו', האט ער מיטגענומען מיט זיך. ווען ער איז געקומען אויף די עלטער האט ער מיטגענומען די התלהבות וואס מען האט אין די יוגענט, איך דארף עס יעצט האבן, און אזוי גיי איך ברענגען יצחק אויף די עקידה. דאס איז דער כולן שוין לטובה, וואס שרה איז געווען אלע אירע יארן, דער בת כ' איז געווען כבת ק', און בת ק' איז געווען אזוי ווי בת כ'.

*

**עס** שטייט אין מדרש (ב"ר נח-ה), ויבא אברהם לספוד לשרה, מהיכן בא, פון וואו איז ער געקומען, מהר המוריה, פון הר המוריה איז ער געקומען מספיד זיין שרה. ער איז נישט געווען אינדערהיים. שרה איז געשטארבען דעמאלטס ווען מען האט געברענגט יצחק אויף די עקידה. עס שטייט אין די מפרשים, אז די פשט דערפון איז, ווען ער האט געוואלט ארויסברענגען די מעלות פון שרה, פון וועלכע נקודה איז ער געקומען מספיד זיין שרה. וואו קען מען ארויסזעהן די ערליכקייט וואס שרה האט

געהאט. נאר ווען מען זעהט וואס פאר א שטוב א מענטש שטעלט אויף, ווי אזוי די קינדער זעהן אויס, קען מען פון דעם פארשטיין וואס די עלטערן זענען געווען. ווייל א שטוב וואו די עלטערן פירן זיך אויף ווי עס דארף צו זיין, דערקענט זיך עס אין די דורות שפעטער. און טאמער פעלט עס, דערקענט זיך עס אויך בי די דורות ווי אזוי מען זעהט אויס.

**אז** שרה האט געקענט האבן א קינד אזוי ווי יצחק, וואס איז גרייט צו גיין אויף די עקידה, דאס ווייזט נישט נאר אויף די מדריגה פון יצחק, אז יצחק איז גרייט אויף מסירת נפש, און עס ווייזט אויף די מדריגה פון אברהם וואס איז גרייט צו ברענגען א קינד אויף די עיקידה. נאר דאס ווייזט אויך אויף די מדריגה פון שרה, וואס פאר א מאמע דאס קינד האט געהאט, אז זי האט געקענט אויפציען אזא קינד, וואס מיט איין ווארט וואס מען זאגט אים, אלקים יראה לו השה לעולה בני, איז ער גרייט זיך צו ברענגען אויף די עקידה.

**ווען** אברהם איז געקומען מספיד זיין שרה, מהיכן בא, פון וועלכע נקודה איז ער געקומען מספיד זיין שרה. זאגט דער מדרש, מהר המוריה, פון דעם וואס יעצט האט ער גענומען דאס קינד און ער האט עס געטראגען אויף הר המוריה, און אז שרה איז געווען די מאמע פון אזא קינד, וואס לאזט זיך טראגען אויפן הר המוריה, מיט דעם איז ער געקומען מספיד זיין שרה.

**מען** רעדט פון דעם חשוב'ן נפטר, מען האט פריער געהערט זיינע מעלות, פון די משפחה וואס האבן אים געקענט מער פון דער נאנט. מען זאל אנקוקען וואס פאר א שטוב ב"ה ער האט איבערגעלאזט, קינדער און אייניקלעך וואס גייען בדרכי ה', דאס ווייזט אין וואס פאר א שטוב מען איז נתחנך געווארן. אז א טאטע האט געקענט געבן אזא חינוך פאר קינדער, איבערצולאזן א גאנצע שטוב וואס יעדער פירט זיך על דרכי התורה, פון דארט איז ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכתה, מהר המוריה בא. איז אוודאי אז די אלע זכותים וואס קינדער גייען בדרכי התורה שפעטער, און מען טוט לעילוי נשמת פון די עלטערן, תורה און צדקה די אלע זאכען קומען אנטקעגן אויבן אין הימל. רש"י זאגט פאריגע וואך (בראשית יח-יט), כל המעמיד בן צדיק כאילו אינו מת, אז מען וויל געבן לעבן פאר עלטערן, אז מען פירט זיך אויף על דרכי התורה, דאס איז די המשכת החיים פון א נפטר. זאל דער אייבערשטער געבן, אז די נשמה זאל האבן א עליה, און זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע און פאר די משפחה. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **שמשון קנאפלער** הי"ו שהתקיים באולם בית רחל, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט אין מדרש די וואך (ב"ר נח-ג), רבי עקיבא היה דורש, רבי עקיבא האט גע'דרשנ'ט, והעם היו מתנמנמים, און דער ציבור האבן געדרימלט, מען האט נישט צוגעלייגט קיין קאפ צו וואס ער האט געזאגט. ווען רבי עקיבא האט עס געזעהן, האט ער אויסגעקליבן א אינטערעסאנטע ענין וואס זאל אויפוועקן דעם ציבור, האט ער געזאגט, מה ראתה אסתר, אז זי האט געוועלטיגט אויף הונדערט זיבן און צוואנציג מדינות (אסתר א-א). תבא אסתר שהיתה בת בתו של שרה, א אייניקל פון שרה אמנו, וואס האט געלעבט הונדערט און זיבן און צוואנציג יאר, און אין זכות פון די הונדערט און זיבן און צוואנציג יאר וואס זי האט געלעבט, האט זי זוכה געווען אז איר אייניקל אסתר איז געווען א מלכה אויף הונדערט און זיבן און צוואנציג מדינות. בפשטות לערנט מען, אז עס איז א אינטערעסאנטע צושטעל, וועט זיך דער עולם אויפוועקן דערפון. אבער מען דארף פארשטיין, וואס איז דער צושטעל איינס צום אנדערען, אז אסתר האט זוכה געווען צו זיין א מלכה אויף הונדערט און זיבן און צוואנציג מדינות, ווייל שרה אמנו האט געלעבט הונדערט און זיבן און צוואנציג יאר.

**עס** איז דא א שיין ווארט פונעם **חידושי הרי"ם**, האט ער געזאגט, אזוי ווי שרה אמנו איז געווען כל ימיה כולן שוין לטובה, בת ק' כבת כ', ווען זי איז אלט געווען הונדערט יאר איז זי געווען כבת כ' בלא חטא, זי האט אויסגענוצט יעדע מינוט פון איר לעבן פאר עבודת ה'. און אז זי האט אויסגענוצט איר הונדערט

זיבן און צוואנציג יאר פאר עבודת ה', וואס באצאלט מען פאר אזא מאמע וואס דינט דעם אייבערשטען א גאנץ לעבן. פאר א יעדע יאר וואס זי האט געדינט דעם אייבערשטען, האט זי זוכה געווען אז אסתר איז געווען א מלכה אויף א מדינה. פאר הונדערט זיבן און צוואנציג יאר עבודת ה', באקומט מען הונדערט זיבן און צוואנציג מדינות.

**האט** רבי עקיבא זיי געזאגט, אז פאר איין יאר באקומט מען א גאנצע מדינה, קומט אויס, אז פאר יעדן טאג וואס מען דינט דעם אייבערשטען, באקומט מען כאטש עפעס א שטעטל אין די מדינה. און פאר איין שעה וואס מען דינט דעם אייבערשטען, באקומט מען א האלבע שטאט, אדער א פערטל שטאט. קומט אויס אז מען קען פון דעם אראפלערנען ווי גרויס דער שכר איז פאר יעדע שעה וואס א יוד זיצט און לערנט תורה. אז פאר דינען דעם אייבערשטען א יאר, באקומט מען צו געוועלטיגן אויף א גאנצע מדינה, זעהט מען וואס עס מאכט אויס יעדע מינוט וואס א יוד גיט אוועק פאר עבודת ה'.

**רבי** עקיבא האט געזעהן העם מתנמנמים, עס איז נישט אזוי וויכטיג דאס לערנען. האט ער געוואלט ארויסברענגען מען זאל וויסן די חשיבות פון יעדע מינוט, וואס מען קען אלץ זוכה זיין פון איין מינוט תורה. אז מען קען זוכה זיין אז פאר א יאר תורה באקומט מען א גאנצע מדינה, זאל מען מאכען דעם חשבון ווען מען צוטיילט עס אויף יעדן טאג און יעדע שעה, וויפיל עס קומט אויס אז מען זאל באקומען שכר אויף דעם וואס מען האט געדינט דעם אייבערשטען.

**דער** בר מצוה בחור גייט אריין לעול התורה והמצות, די ערשטע זאך דארף מען וויסן, אז מען דארף אויסנוצן די צייט. מען איז נאך יונג, מען פארשטייט נאכנישט די חשיבות פון עבודת ה', אבער צו עולם הזה פארשטייט מען דאך יא. און אז מען זאגט, אז פאר איין שעה לערנען, קען מען זוכה זיין צו האבן א מלכות אויף אפאר שטעטלעך, דאס פארשטייט יעדער איינער. מען דארף וויסן דעם זכות אז מען זיצט און מען לערנט, און מען ברענגט נישט אן די צייט, און וואס דער אייבערשטער באצאלט דערפאר, דעמאלטס גיט מען אוועק די גאנצע צייט וואס מען האט, פאר עבודת ה'.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרה"ג רבי **נפתלי הירצקא צוויבל** שליט"א (ראה"כ סאטמאר וומסב"ג), עב"ג בן הרה"ג רבי **מאיר וויינבערגער** שליט"א, שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום חמישי פרשת חיי שרה</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **שמשון קנאפלער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**, בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***<u>יום שישי פרשת חיי שרה</u>***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **דוד אריה גאלדענבערג** הי"ו, שהתקיימה בבית המדרש אמונת ישראל. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים ביחד עם **הגה"צ רבי משה וואלפסאן שליט"א** אב"ד אמונת ישראל.

*<u>מתוך השיחה:</u>*

**אב"ד אמונת ישראל:** די וואך אין די פרשה זעהט מען די גרויסע עבודה פון אליעזר, די השתחואות, מיט די בקשות, מיט די הודאות, א מורא'דיגע עבודה, וואס מען זעהט דאס נישט ביי די אבות. ביי די אבות איז געווען אז מען האט עס נישט געקענט זעהן, עס איז געווען אויף א העכערן אופן. פון די עבדי אבות קען מען שוין זעהן ווער די אבות זענען געווען. מען קען זעהן ווי אזוי מען גייט צו צו א ברית, מען זעהט אז

די גדולי ישראל זאלן קומען, קען מען שוין זעהן ווער די אבות זענען געווען...
**רבינו:** עס איז דא א ווארט, יפה שיחתן של עבדי אבות, מתורתן של בנים (רש"י בראשית כד-מב), מען זעהט וויפיל תורה די בנים האבן אריינגעלייגט אין די שיחה פון די עבדי אבות, וויפיל פשטים מען זאגט אלץ אין די זאכען פון אליעזר, זעהט מען ווי אזוי עס איז געווען יפה שיחתן, עס איז שיין זייער שיחה, דאס קען מען אראפלערנען מתורתן של בנים, אז אין זייערע ווערטער ליגט אזויפיל תורה.

*

*שבת קודש פרשת חיי שרה*

**רבינו שליט"א** שבת בקרב אנשי שלומינו בעיר בארא פארק. תפלת מנחה וקבלת שבת התפלל **רבינו שליט"א** בהיכל בית מדרשנו הגדול.

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** הבאטע בבית מדרשנו זכרון יהודא. בין הזמירות והניגונים השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים מהרה"ק **רבי הערש מרימנוב זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ל' חשון). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א.**

ביום שבת קודש התפלל **רבינו שליט"א** בהיכל בית המדרש מתיבתא עץ חיים דבאבוב, שהוכנה במיוחד לרווחת ציבור אנשי שלומינו לרגל השמחה בחצר הקודש, שמחת הקידושא רבה לבת הנולדה אצל הרב **שלמה זלמן** כ"ץ שליט"א, בן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א.** אצל התפלות השתתף הסב **כ"ק האדמו"ר מסערדאהעלי שליט"א.**

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **שלמה יוסף נאה** הי"ו, וכיבד את אחיו **כ"ק האדמו"ר מסערדאהעלי שליט"א** בקריאת השם לבת נכדם **הרב שלמה זלמן כ"ץ שליט"א.** לקריאת מפטיר עלה לתורה הבחור הבר מצוה **שלמה זלמן כ"ץ** נ"ו, בן **הרה"ג רבי יהושע שליט"א.** - **רבינו שליט"א** כיבד את **אחיו כ"ק האדמו"ר מסערדאהעלי שליט"א** בברכת החודש, **ורבינו שליט"א** ירד לפני התיבה לתפלת מוסף.

אחר התפלה התקיים קידושא רבה לכבוד השמחות, בהשתתפות קהל רב של אנ"ש, ובתוכם רבנים חשובים וקרובי המשפחה שעברו לאחל ברכת מזל טוב לרגל השמחה הרוממה.

תפלת מנחה וסעודה שלישית ערך **רבינו שליט"א** בבית מדרשנו ברכת אברהם. **רבינו שליט"א** השמיע דברי דרוש ואגדה לבאר מעשה אבות בעניני הפרשה. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את הרה"ג רבי **יצחק זלמן גיפס** שליט"א דומ"ץ הבית המדרש.

רבינו שליט"א בירך השבע ברכות לכבוד החתן בן הר"ר **יואל פיליפ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חיים בויער** הי"ו. ובברכה אחריתא כיבד את **הרה"ג רבי צבי היילפרין שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו הק' בבארא פארק.

סדר הבדלה נערך בבית האכסניא אצל ידידינו הרבני הנגיד רבי **יצחק שרגא גראס** הי"ו בעמח"ס '**חיים שיש בהם**'.

במוצאי שבת ביקר **רבינו שליט"א** אצל **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ ירושלים שליט"א.**

*וזה תוכן השיחה:*
**האדמו"ר מוויזניץ י"ם:** מען איז אויסגעמוטשעט פונעם שבת?
**רבינו:** ניין. דער שבת גיט כח.
**האדמו"ר מוויזניץ י"ם:** אזוי דארף זיין. איך האב פונקט נאכגעזאגט א ווארט היינט ביי שלש סעודות, אז מען האט אמאל געזאגט פארן זיידן פרייטאג צו נאכטס פארן טיש, אז ער זאל זיך אביסל אפרוען. האט ער געזאגט, עס איז א שאד די צייט. האט מען אים געזאגט, רבי, ונשמרתם מאד לנפשותיכם איז נישט א שאד די צייט, עס איז א עבודה. האט ער געזאגט, איינער וואס זיך אראפלייגען שלאפן איז א עבודה, דער דארף טאקע גיין שלאפן...
**רבינו:** דאס איז א וויזיט וואס איך בין שוין שולדיג אסאך יארן.
**האדמו"ר מוויזניץ י"ם:** דער רב איז א מזכה את הרבים מיט די תורות. עס איז געשמאק. עס איז זאכן.
**רבינו:** און איר זענט מזכה את הרבים מיט היילן יודישע קינדער.
**האדמו"ר מוויזניץ י"ם:** יעדער האט זיך זיינס.
איינער האט מיר געברענגט א ספר די וואך, איך האב אדורכגעלערנט די גאנצע ספר, און איך האב געזאגט, אז איך דארף טרעפן איינער פון זיין משפחה, ווייל מען טאר נישט ארויסגעבן אזא

ספר... ער רעדט דארט א גאנצן ספר פון עניוות. הער אויף מיט די עניוות. די גאנצע ספר איז אזוי. די אכטע פרשה איז וישלח, און די אכטע פסוק איז קטונתי, אפילו די שמינית שבשמינית דארף אויך זיין קטונתי... היינטיגע צייטן דארף זיין התחזקות, הייבן יודען.

**רבינו:** ויגבה לבו בדרכי ה'.

**האדמו"ר מוויזניץ י"ם:** און מיט דעם אלעם דארף מען האבן סייעתא דשמיא. איך האב היינט נאכגעזאגט ביי שלש סעודות, אז עס שטייט אין **ספר יצירה** (ה-ט, הובא **בבני יששכר** כסלו א-ג), המליך אות ס' בשינה. שינה איז א לשון פון געדרימעלט. דער אות ס' איז רומז אויף סומך ה' לכל הנופלים. הייב אויף די שינה, לאז זיי נישט פאלן, לאז זיי נישט שלאפן, הייב זיי אויף.

איין גוט ווארט וואס מען כאפט אויף, איז א וועלט. עס איז געווען א טאטע וואס האט געדארפט עפעס זייער א שווערע טובה, ער האט מיך געהאלטן אין איין רופן. שפעטער רופט ער מיך אן, יישר כח, יישר כח, איך דארף מער נישט די טובה, איר האט מיר שוין געטון אסאך א גרעסערע טובה. פרעג איך אים, וואס נאך האב איך דיר געטון. זאגט ער מיר, איר זענט געווען די וואך אין ישיבה, און איר האט געפירט א זיץ פאר די ישיבה קטנה, מיין בחור איז אהיימגעקומען א נייער מענטש. עס איז טויזנט מאל א גרעסערע טובה.

מיין ברודער דער רבי פון בית שמש, לערנט **שמן ראש** ווי עס דארף צו זיין.

**רבינו:** עס איז דאך געמאכט געווארן פאר דעם, אז מען זאל ארייננקוקן דערין.

**האדמו"ר מוויזניץ י"ם:** שמיני עצרת האב איך נאכגעזאגט, די עבודה פון 'עד כאן' דברי יצר הרע, און 'מכאן ולהבא' דברי יצר טוב (עיין **בשמן ראש** על חג הסוכות חלק א' דף שצו)[א].

**רבינו:** די פארגאנגענהייט איז היסטאריע, מען קען גארנישט טון דערמיט. דער עתיד איז נאך..

**האדמו"ר מוויזניץ י"ם:** ביים סקווירא זיידע איז די טאכטער נפטר געווארן כ"ז אלול, און יענעם שמחת תורה האט ער מורא'דיג געטאנצט און געשפרינגען, עס איז נאך אזאנס נישט געווען. און די באבע איז אריינגעלאפן שרייען אויף אים, האסט געהאט אזא גוטע יאר, אז דו זינגסט און שפרינגסט אזוי שמחת תורה?! האט דער סקווירא זיידע געזאגט פאר די באבע, איך טאנץ נישט אויפן עבר, איך טאנץ אויפן עתיד. אויף דעם יאר וואס גייט קומען, אויף דעם טאנץ איך.

**וכיבד את רבינו שליט"א לברך על היין**

**רבינו:** לחיים. מען זאל קענען ווייטער אויפטון להגדיל תורה ולהאדירה, מתוך שמחה ונחת, און עס זאל אלעס גרינג אנקומען.

**האדמו"ר מוויזניץ י"ם:** אמן. דער באשעפער זאל העלפן, מען זאל האבן געזונטע לעכטיגע יארן, און קענען פירן די עדה מיט א ווארימקייט, און מיט א חיות.

**רבינו:** די וואך איז דא די ווארט פונעם **אמרי חיים**, אז אברהם האט געזאגט פאר עפרון, בין שני אוהבים כמוני מה היא חשובה (עיין רש"י כג-טו). דו האסט ליב דאס געלט, און איך האב ליב די מערת המכפלה, איז ארבע מאות שקל כסף צו ווייניג.

**האדמו"ר מוויזניץ י"ם:** ווען דער זיידע איז געווען אמאל אין שפיטאל, און די דאקטורים האבן אים געמוטשעט אז ער זאל עפעס עסן, און א דאקטער האט אים געגעבן מיץ, דזשאו"ס, און ער האט אים געפרעגט, דער רבי האט ליב מיץ? האט ער זיך צווויינט, ליב האב איך ליב דעם שבת קודש! - עס איז דא א תשובה (**בשו"ת דברי ישראל** ח"א סימן רכב) צו מען קען יוצא זיין משלוח מנות מיט א ספר, כמו חלב ודשן תשבע נפשי, ושפתי רננות יהלל פי (תהלים סג-ו), דאס איז מיין חיות.

ער פלעגט אלץ זאגן, אז דאס איז נאר, נאך א הכנה פון א גאנצע וואך. ווען א מענטש ווערט מיינען אז

---

[א] וכה דברי **רבינו שליט"א**: הכתוב אומר (קהלת יא-ט), שמח בחור בילדותך ויטיבך לבך בימי בחורותיך וגו', ובגמרא (שבת סג:) עד כאן דברי יצר הרע, מכאן ואילך דברי יצר טוב, ודע כי על כל אלה יביאך אלקים במשפט. ופירשו דהיצר הרע דרכו לפתות שיביט רק על העבר, מה שעשה 'עד כאן', כבר מאוחר להתחיל מחדש. אבל היצר טוב אומר 'מכאן ואילך', תתחיל חשבון חדש, תביט על עצמך כקטן שנולד, תביט על מה שיש עוד לפניך הרבה שנים לחיות, וכי מפני שלא התנהג בימיו הראשונים כדבעי, לא אבוא אל השכל להתחיל עכשיו ואתקן בזה שנים הראשונים. וזהו עד כאן דברי יצר הרע, היצר הרע אומר תסתכל עד כאן, איך התנהגת בימי בחורותיך, ואל תסתכל מה שיהיה אחר כך. אבל היצר טוב אומר, מכאן ואילך, תעשה לעצמך חשבון שתוכל להיעשות כקטן שנולד, ואל תסתכל על עצמך כמו שהיית בהעבר. בעל תשובה משנה שמו, הוא קם למחר בבוקר כבריה חדשה, מהיום יש לו שיעור בתורה, מתפלל במנין מלה במלה, ומשגיח שהבית יתנהג בצניעות.

ער קען בטלנ'ען א גאנצע וואך, און ווען עס וועט קומען שבת וועט ער זיך נעמען שרייען שבת, הבל דובר בפיו, אין זה דרכי החסידות, א גאנצע תורה איז דא אויף דעם געדרוקט. אז מען לערנט א גאנצע וואך, און פאר שבת זאלצט מען עס אן מיט א בלעטעלע זוהר, דעמאלטס קומט א שבת אהה, אהה.

**רבינו:** עס איז אויסגעקומען צו זייןביים זיידן?

**האדמו"ר מוויזניץ י"ם:** יא, איך האב געלערנט דארט אין ישיבה, און איך בין געווען א שטיקל הויז בחור, א שטיק צייט. אין די יארן פון תשל"א און תשל"ב, ביז פאר די פטירה. מיין ברודער, דער רבי פון גיבערס, האט חתונה געהאט אדר, בין איך אהיימגעקומען צו די חתונה. איך האב אריינגעכאפט א וועלט.

**רבינו:** ער איז שוין געווען שוואך דעמאלטס.

**האדמו"ר מוויזניץ י"ם:** ניין, עס איז געווען גוטע יארן, בעסער פון תשכ"ט. יענע יארן האט ער געפירט מיטאג טישן יעדע וואך, עס איז געווען א פעסטע יאר. די לעצטע תורות.

עס איז געווען דעמאלטס א מעשה, ביי איינעם אין שטוב האט נישט געטויגט עפעס. פרייטאג צו נאכטס האט ער געהאלטן א תורה, אז מען נעמט אריין עסן, אחר תעבורו (בראשית יח-ה), דערנאך גייטס אייך... בלייבסט נישט צו לאנג ביי מיר אין שטוב. איך בין געווען א בחור, און איך האב נישט געוואוסט וואס וויל ער דא. געבן צו עסן פאר א יוד, יא. אבער בלייבן שלאפן... מען דארף הונדערט מאל בודק זיין פאר מען נעמט איינעם אריין.

**רבינו:** תשכ"ו בין איך געווען אויף א וויזיט מיט מיין טאטן. עס איז געווען דעמאלטס דעם סאטמאר'ער רבי"נס חתונה.

**האדמו"ר מוויזניץ י"ם:** אין אמעריקא געדענקט איר נישט דעם זיידן?

**רבינו:** דא געדענק איך אויך ווען ער איז געווען.

**האדמו"ר מוויזניץ י"ם: רבי יונתן שטייף** איז דעמאלטס געווען ביי איינע פון די טישן.

**רבינו:** זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל, מען זאל זיך צוזאמקומען אויף שמחות.